NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08510

RABEYNU GERSHOM, RASHI, YEHUDAH HOSED

Yudel Mark

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יודל מאַרק

רבינו גרשום
רשי
יהודה חסיד

אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג

קינדער־רינג

ביי דעם בילדונגס־קאָמיטעט פון

אַרבעטער־רינג

קינדער-רינג-ביבליאָטעק

סעריע: היסטאָרישע געשטאַלטן

יודל מאַרק

רבינו גרשום
רשי
יהודה חסיד

Copyright 1941 by

FARLAG KINDER RING
of the
Educational Committee of the Workmen's Circle
Printed in the U. S. A.

393

3

דריטער קאפיטל

דאָס ליכט פון גלות

1040—960

א. אין מיטן וועג.

דאָס איז געווען כמעט מיט טויזנט יאָר צוריק. אויף אַ שטוי־ביקן וועג, ניט ווייט פון טייך ריין, איז געגאַנגען אַ יידיש בחורל. פון ווייטן האָט ער דערזען אָנקומען אַ מענטשן און ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן: אפשר איז דאָס אַ בייזער מענטש, אַ גזלן?

אָבער ווען דער מענטש איז געקומען נענטער, האָט דאָס בחורל געזען אַז דאָס גייט אַ ייד. האָט ער זיך זייער דערפרייט. ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און דער עלטערער האָט געפרעגט:

— „וואוהין גייסטו, מיין יונגער פריינד?"

— „איך בין אַ גאָלדשמיד, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָ ניט ווייט, אין אַ שכנותדיקער שטאָט, זיצט אַ באַרימטער מייסטער. וויל איך זיך לערנען ביי אים און בעסער קענען מיין פאַך. און וואוהין גייט איר?"

— „איך גיי קיין ווענעדיק, אין איטאַליע. פון דאָרטן וועל איך פאָרן מיט אַ שיף איבער דעם מיטנלענדישן ים און נאָך דעם וועל איך גיין קיין בבל".

— „אויב איר קלייבט זיך אין אַזעלכע ווייטע לענדער, האַנדלט איר אוודאי מיט טייערע שטיינער און אַנדערע טייערע זאַכן. פאַר וואָס זשע גייט איר צו פוס און אָרעם איז אייער אויסזען?" האָט דאָס בחורל זיך געוואונדערט.

— „איך האנדל ניט מיט קיין טייערע שטיינער" — האָט דער עלטערער געלאָסן געענטפערט — „די יידן פון מיין שטאָט שיקן מיך קיין בבל, ווייל דאָרטן זיינען פאַראַן די גרעסטע גע־לערנטע לייט פון יידישן פאָלק. זיי קענען גוט דעם תלמוד, דאַרף איך גיין אַהין צו דערוויסן זיך וועגן אונדזערע יידישע געזעצן".

— „עס זיינען דאָך פאַראַן אַזוי פיל יידן אין אַלע שטעט ביים ריין און אַרום ריין. דאַרף מען גיין אַזוי ווייט זיך צו דערוויסן וועגן יידישע געזעצן?" האָט דאָס בחורל ניט געקענט פאַרשטיין.

— „מיר גייען דאָ אַרום ווי אין דער פינצטער, אָן ליכט פון וויסן", האָט דער עלטערער אָפּגעזיפצט, „ווייל מען וויסן, מוז מען גיין קיין בבל, פאַרפאַלן!"

— „זאָל זשע גאָט באַגליקן אייער וועג", האָט דאָס בחורל פרום צוגעוואונטשן.

— „ווער דער בעסטער גאָלדשמיד אין לאַנד!" — האָט דער עלטערער זיך צעשיידט מיטן בחורל...

ווען דאָס בחורל איז ווייטער געגאַנגען, האָט ער געטראַכט: פאַר וואָס דאַרפן אַזוי פיל יידן אַרום דעם טייך ריין אָנקומען צו די געלערנטע לייט פון בבל? ער וועט זען צו העלפן יידן פון אָט דעם לאַנד! ער וועט זען צו ווערן ניט נאָר אַ גוטער גאָלדשמיד — ער וועט ווערן אַ גרויסער יידישער געלערנטער, אַזאַ גרויסער, אַז ער וועט אָנווייזן ווי צו לעבן נאָכן יידישן געזעץ נאָך.

אַזוי האָט ער געטראַכט און ניט באַמערקט, אַז אָט זעען זיך שוין די טורעמס פון דער שטאָט וואוהין ער גייט.

ב. דאָס ליכט פון גלות.

און דאָס בחורל האָט געלערנט די קונסט פון אַ גאָלדשמיד. ער האָט געהאַט פלינקע הענט און אַ גרויסן חשק זיך צו לערנען, און ער האָט דערגרייכט וואָס ער האָט געוואָלט. ער איז געוואָרן זייער אַ גוטער גאָלדשמיד. ער האָט פאַרשטאַנען אַלע אַרבעטן פון אַ גאָלדשמיד און פון זיינע הענט פלעגט איטלעכע אַרבעט אַרויס־קומען וואונדערלעך שיין.

און דאָס בחורל האָט אויך געלערנט יידיש וויסן. ער האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ און אַ גרויסן חשק זיך צו לערנען און ער האָט

דערגרייכט וואָס ער האָט געוואָלט. ער איז געוואָרן אַ גרויסער געלערנטער. ער האָט פאַרשטאַנען אַלע געזעצן פון תלמוד און אַלע אומקלאָרע שטעלן און אַלע שווערע פראַגעס האָט ער געקענט פאַרענטפערן איינפאַך און קלאָר.

ער האָט זיך געלערנט אין דער אַלטער שטאָט מיינץ. דאָס איז געווען די איינציקע שטאָט אין דייטשלאַנד וואו דאָס יידישע וויסן האָט זיך אַ ביסל געהאַט באַפעסטיקט. מיט הונדערט יאָר צוריק פאַר אונדזער מעשה האָט אַ קיניג, דער זון פון קאַרל דעם גרויסן, פון שאַרלעמאַן, געבראַכט פון איטאַליע אַ גרויסן יידישן געלערנטן מיט זיינע צוויי זין. זיי האָבן זיך באַזעצט אין מיינץ, און זיי האָבן פאַרפלאַנצט אין מיינץ יידיש וויסן.

אָבער ווען דאָס בחורל איז אויסגעוואַקסן האָט ער איבערגעשטיגן זיין רבין אין מיינץ. ער איז געוואָרן מער געלערנט ווי ווער ניט איז פאַר אים ביי די ברעגן פון טייך ריין. ער איז געוואָרן זייער באַרימט. מען איז שוין צו אים געקומען פרעגן וועגן די יידישע געזעצן פון תלמוד, מען איז געקומען צו אים פון נאָענט און פון ווייט.

יידן וואָס האָבן געוואוינט ביי די ברעגן פון טייך ריין אָדער ניט ווייט פון ריין האָבן איצט זיך זייער געפרייט, וואָס מע דאַרף שוין ניט אָנקומען צו די געלערנטע פון דעם ווייטן לאַנד בבל. זיי האָבן איצט אַזוי געזאָגט:

„עס האָט אויפגעשיינט אַ ליכט פאַר אונדז, אַ ליכט וואָס באַלייכט אונדזער פינצטערניש, וואָס באַלייכט אונדזער גלות!“

און מיט גרויס דרך־ארץ און מיט גרויס ליבשאַפט האָבן זיי אָנגערופן זייער געלערנטן און פירער —

„רבינו גרשום, דאָס ליכט פון גלות“.

יידן האָבן געלעבט נאָך די יידישע געזעצן פון תלמוד. אָבער ביכער פלעגט מען יעמאָלט ניט דרוקן. מען האָט זיי איבערגעשריבן. און ווען מע שרייבט איבער, כאַפּן זיך אַריין גרייזן. האָט רבינו גרשום פאַרריכט די גרייזן, וואָס זיינען צופעליק אַריין אין תלמוד. זיינען יידן געווען שטאָלץ מיט רבינו גרשום און האָבן געפאָלגט אַלץ וואָס ער האָט געהייסן.

ג. מע טאָר ניט לייענען פרעמדע בריוו.

רבינו גרשום האָט געקענט ניט נאָר די אַלטע געזעצן, ער האָט אויך געקענט דאָס לעבן. ער האָט געזען אַז עס זיינען נייטיק נייע געזעצן. רבינו גרשום האָט ליב געהאַט מענטשן און זיינע נייע געזעצן האָבן געהאַט איין ציל: צו העלפן מענטשן, בעסער און גרינגער צו מאַכן זייער לעבן.

ער האָט ניט געהאַט קיין מאַכט, ער האָט ניט געהאַט קיין פּאָליציי. ער איז ניט געווען קיין פירשט איבער יידן, ער איז נאָר געווען אַ גרויסער געלערנטער. און דערפאַר טאַקע האָבן אים יידן אין אַלץ געפאָלגט.

קיין פּאָסט איז יעמאָלט ניט געווען. און ווער האָט דאָס געקענט שרייבן אָדער לייענען בריוו? אָבער יידן האָבן געקענט לייענען און שרייבן אַ סך מער ווי ניט־יידן, און יידן האָבן גע־האַנדלט און געדאַרפט דורך בריוו אָנזאָגן וויכטיקע זאַכן. נו, האָט אָבער ניט איין מאָל געטראָפן, אַז דער מענטש, דורך וועמען מע שיקט דעם בריוו, לייענט אים דורך און זאָגט אויס די סודות פון בריוו.

האָט רבינו גרשום אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אַז מע טאָר ניט לייענען קיין פרעמדע בריוו. רבינו גרשום האָט ניט געהאַט קיין מאַכט פון אַ קיניג, אָבער אַלע יידן האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. עס איז געווען געוויס, אַז ער האָט געלאָזט אויסרופן, אַז לייענען פרעמדע בריוו איז אַ זינד און אַז דער וואָס וועט עס טאָן וועט ווערן אויסגעשלאָסן פון צווישן יידן. אַלע אָרנטלעכע לייט זיינען געווען זייער צופרידן פון אַזאַ געזעץ.

ד. מע טאָר ניט זיין צו שטרענג.

ווען רבינו גרשום האָט געלעבט, איז ניט געווען גאָר ביטער פאַר יידן. אָבער עס איז דאָך געווען גענוג שלעכט!

דאָס קען מען זען פון די לידער וואָס רבינו גרשום האָט אָנ־געשריבן. אין איינעם פון זיינע לידער קלאָגט ער זיך:

„די הייליקע שטאָט און איר גאַנצע אומגעגנט זיינען געוואָרן צו שאַנד און צו שפּאָט, אַלע אירע אוצרות — געראַבעט און פאַר־לאָרן. נאָר איינס איז אונדז געבליבן — די הייליקע תורה!

„דעם בונד וואָס דו האָסט געשלאָסן מיט אונדזערע אבות, דיין גרויס גענאַד און רחמנות פון אייביקע צייטן זאָלסטו געדענקען, ווייל מיר זיינען געפייניקטע און געיאָגטע, ווייל מיר ווערן צוליב דיר יעדן טאָג געשאָכטן".

אויך אין רבינו גרשומס צייטן פלעגט זיך טרעפן אַז מען האָט געצוואונגען יידן אָנצונעמען דעם קריסטלעכן גלויבן. עס פלעגט זיך טרעפן: כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן פלעגן טייל יידן אַ געוויסע צייט זיך פאַרשטעלן, אַז זיי האָבן אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, און ווי נאָר זיי האָבן געקענט, זיינען זיי ווידער אָפן געוואָרן יידן.

האָבן די פרומע און די שטרענגע מער ניט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט אַזעלכע שוואַכע. האָט רבינו גרשום געזאָגט, אַז מע דאַרף אַזעלכע שוואַכע מענטשן ניט אָפּשטויסן. האָט מען אויפגעהערט זיך צו באַציען אַזוי שטרענג צו אַזעלכע אומגליקלעכע און מען האָט זיי ווידער אויפגענומען ווי אייגענע.

ה. דער שווערער טראָן.

אָבער רבינו גרשום אַליין האָט ניט געליטן. ער האָט זיך געלעבט רואיק. ער האָט גוט פאַרדינט, ווייל ער איז דאָך געווען אַ באַרימטער גאָלדשמיד. אין דער פרייער צייט האָט ער געלערנט מיט תלמידים און געענטפערט אויף פראַגעס וועגן יידישע געזעצן.

וועגן רבינו גרשום דעם גאָלדשמיד דערציילט מען אַזאַ שיינע מעשה:

דער קיניג פון שטאָט וואו רבינו גרשום האָט געלעבט האָט איין מאָל געלאָזט רופן צו זיך דעם באַרימטן גאָלדשמיד און געזאָגט צו אים:

— „איך וויל האָבן אַ נייעם טראָן. וויל איך, דו זאָלסט מיר מאַכן אַזאַ שיינעם טראָן ווי דער קיניג שלמה האָט געהאַט".

— „איך וואָלט עס געקענט מאַכן, האָט רבינו גרשום געענטפערט, אָבער מע דאַרף דערצו זייער אַ סך גאָלד און זילבער און טייערע שטיינער".

— „דו וועסט קריגן גאָלד און זילבער און טייערע שטיינער, וויפל דו וועסט דאַרפן, איך האָב זיי גענוג!"

— אָבער איך קען דעם טראָן ניט מאַכן אַליין," — האָט רבינו גרשום אָנגעוויזן, — „איך וועל דאַרפן אַ סך געהילפן. ווי קען איך וויסן, צי זיי וועלן אַלע זיין אָרנטלעך? ווי קען איך שפּעטער ענטפערן פאַר זיי?"

— „זאָרג זיך נישט, האָט דער קיניג אים באַרואיקט, איך גלייב אין דיין ערלעכקייט. זע נאָר דער טראָן זאָל זיין וואָס שענער!"

רבינו גרשום האָט לאַנג געאַרבעט איבערן טראָן. ער האָט אים באַפּוצט מיט אַ סך גאָלד און זילבער און טייערע שטיינער. זיין גאַנצע קונסט האָט ער אין דעם טראָן אַריינגעטאָן. און דער טראָן איז אַרויסגעקומען וואונדערלעך שיין און האָט פאַרכאַפּט דאָס אויג.

נאָר איין חסרון האָט דער טראָן געהאַט: ער איז געווען אַזוי שווער, אַז אין גאַנצן לאַנד איז ניט געווען קיין גענוג גרויסע וואָג אָפּצוואָוועגן דעם טראָן און צו זען, צי ער האָט טאַקע אין זיך גאָר דאָס גאָלד און זילבער און טייערע שטיינער, וואָס מען האָט דעם גאָלדשמיד געגעבן.

מען האָט געמאַכט אַ גרויסן יום-טוב לכבוד דעם נייעם טראָן. מען האָט איינגעשפּאַנט אפשר הונדערט פערד, ווען מען האָט געפירט דעם טראָן אין פּאַלאַץ אַריין. דער צופרידענער קיניג האָט זיך געווענדט צום גאָלדשמיד:

— „זאָג מיר איצט, מיט וואָס זאָל איך דיך באַלוינען פאַר דיין וואונדערלעכער אַרבעט?"

— „איך דאַרף קיין זאַך ניט. איך וויל נאָר, דער קיניג זאָל צוזאָגן, אַז ער וועט אַלע מאָל גוט זיין צו יידן," אַזוי האָט רבינו גרשום געענטפערט.

— „איך זאָג עס צו!" האָט דער קיניג אויסגערופן.

לעבן קיניג איז געשטאַנען אַ פּרינץ וואָס האָט פיינט געהאַט יידן און גאָר שטאַרק פיינט געהאַט דעם יידישן געלערנטן. האָט ער שטיל געזאָגט צום קיניג:

— „מיינט טאַקע דער קיניג, אַז דער ייד האָט געאַרבעט אומזיסט? ער האָט זיך גענוג אָנגעגנבעט!"

— „זאָל דער פּרינץ מיר זאָגן, ווי אַזוי אָפּצואוועגן דעם טראָן, ווען אין גאַנצן לאַנד איז ניטאָ קיין גענוג גרויסע וואָג דערצו," — האָט דער קיניג אים געענטפערט.

דער פּרינץ האָט אָבער ניט געוואוסט, ווי מע קען עס טאָן. איז ער רויט געוואָרן, אַנטשוויגן געוואָרן און באַשלאָסן צו נעמען נקמה פון רבינו גרשום.

ו. איבער צוויי ווייבער.

אין יענער צייט האָבן יידן נאָך געהאַט מער ווי צו איין ווייב. אַ סך יידן האָבן געהאַט צוויי ווייבער. אַזוי האָט מען זיך געפירט. אויך רבינו גרשום האָט געהאַט צוויי ווייבער. איינע האָט געהייסן שרה און די צווייטע — לאה. שרהן האָט ער זייער ליב געהאַט. דאָס האָט לאהן זייער פאַרדראָסן.

לאה האָט ליב געהאַט זיך צו פּוצן. האָט דער פּרינץ צוגעזאָגט לאהן אַ סך צירונג, זי זאָל זיך דערוויסן ביי איר מאַן, ווי אַזוי מע קען אָפּוועגן דעם טראָן.

דעם זעלביקן אָוונט האָט לאה געפרעגט איר מאַן וועגן דעם. האָט ער ניט געוואָלט ענטפערן. אָבער זי האָט אַזוי לאַנג געוויינט, אַז ער האָט איר אויסגעזאָגט:

— „מע זאָל אַ ליידיקע שיף לאָזן שווימען אויפן וואַסער און אָנצייכענען מיט אַ שטריך, ווי טיף זי זיצט אין וואַסער. נאָך דעם זאָל מען דעם שווערן טראָן אַריינהייבן אין שיף. די שיף וועט זיך אַראָפּלאָזן טיפער אין וואַסער. זאָל מען אָנצייכענען מיט אַ צווייטן שטריך די נייע ליניע פון וואַסער. ווען מע וועט אַרויסנעמען דעם טראָן, וועט די שיף אַרויף צו דעם ערשטן שטריך. איצט זאָל מען לייגן אין שיף אַזוי פיל שטיינער, ביז זי וועט קומען צוריק צום צווייטן שטריך. אַז מע וועט אָפּוועגן די שטיינער באַזונדער און צונויפרעכענען זייער וואָג, וועט מען שוין וויסן ווי פיל עס וועגט דער טראָן".

לאה האָט דאָס דערציילט דעם פּרינץ. דער פּרינץ איז גע-קומען מיט דעם פּלאַן צום קיניג. דער קיניג האָט געהייסן טאָן ווי דער פּרינץ האָט פאָרגעלייגט. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער טראָן וועגט ווייניקער ווי דאָס גאָלד, דאָס זילבער און אַלע טייערע

י. ביישלאַס

שטיינער, וואָס רבינו גרשום האָט געקראָגן.

דער קיניג איז געוואָרן זייער אין כעס. ער האָט פאַרגעסן וואָס רבינו גרשום האָט אים געזאָגט וועגן זיינע געהילפן. ער האָט ניט געלאָזט, רבינו גרשום זאָל זיך קענען פאַרטיידיקן. מען האָט געכאַפּט דעם גאָלדשמיד און אים פאַרשפאַרט אין אַן איינזאַמען טורעם וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ קליינעם אינדזועלע אין טייך ריין. רבינו גרשום וואָלט דאָרטן געשטאָרבן פון הונגער.

אָבער זיין ווייב שרה האָט ניט גערוט, ביז זי האָט זיך דערוואוסט וואו מען האָט אוועקגעשלעפּט איר מאַן. ביי נאַכט האָט זי גענומען אַ שיפל, צוגעפאָרן צום אינדזועלע, צוגעקומען צום טורעם און אָנגעהויבן שרייען:

— „מיין טייערער מאַן, מיין גרשום, דיין ווייב שרה רופט צו דיר!"

רבינו גרשום האָט דערהערט די שטים, איז ער אַרויף אויפן שפּיץ טורעם און — זע: זיין ווייב שרה שטייט אונטן און רופט אים!

שרה האָט צעריסן איר טוך און איר העמד און געמאַכט אַ שטריק. זי איז אַרויף אויף אַ בוים, צוגעבונדן אַ שטיין צום עק פון שטריק און אַ וואָרף געטאָן צו איר מאַן. רבינו גרשום האָט געכאַפּט דעם עק שטריק, אַ צי געטאָן צו זיך דעם שטריק, געמאַכט זיך אַ לייטער און אַראָפּ פון טורעם.

ז. די מוראַשקע האָט געראַטעוועט.

פאַר דער פאָלקס-מעשה איז אָבער ווייניק געווען אַז רבינו גרשום זאָל געראַטעוועט ווערן אויף אַ פּשוטן אופן. האָט מען דערציילט די מעשה אַ סך שענער:

דער טורעם אין וועלכן עס איז געזעסן רבינו גרשום איז געווען זייער אַ הויכער און זיין געטרייע ווייב שרה האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי אים צו העלפן אַראָפּקומען פון דאָרטן. האָט זי דערזען אַ מוראַשקע! האָט זי גענומען די מוראַשקע און זי צוגעבונדן צו אַ שטרויעלע. אויפן שפּיץ שטרויעלע איז געווען

י. ניישלאָס

א טראָפּן האָניק. די מוראַשקע האָט געוואָלט דעם טראָפּן האָניק, איז זי געקראָכן אַלץ העכער און העכער.

צום שטרויעלע וואָס די מוראַשקע האָט געטראָגן אויפן רוקן איז געווען צוגעבונדן אַ פאָדעם, צום פאָדעם — אַ דין שטריקל, צום דינעם שטריקל — אַ גרעבער שטריקל, צום גרעבערן שטריקל — אַ גראָבער שטריק. ווען די מוראַשקע איז געקומען צום שפּיץ טורעם, האָט רבינו גרשום אָנגענומען דעם פאָדעם און אַרויפגע־צויגן דאָס דינע שטריקל, דאָס גרעבערע שטריקל, דעם גראָבן שטריק און איז אַראָפּ פון טורעם מיט דער הילף פון שטריק.

אַזוי צי אַזוי — רבינו גרשום איז אַ געראַטעוועטער! ער און זיין ווייב שרה זיינען צוויי טעג און צוויי נעכט געפאָרן מיט אַ שיפל איבער דעם טייך ריין, ביז זיי זיינען געקומען אין אַ ווייטער שטאָט, וואָס האָט געהערט צו אַן אַנדער קיניג. דאָרטן האָט רבינו גרשום זיך באַזעצט.

ער האָט פאַרשטאַנען פון וואַנעט זיין אומגליק איז געקומען. און די אומטרייע לאה האָט זיך שוין געשעמט צוריקצוקערן צו איר מאַן. האָבן רבינו גרשום און זיין ווייב שרה רואיק און גליקלעך געלעבט.

ח. דאָס וויכטיקסטע געזעץ.

נאָך דער מעשה האָט רבינו גרשום אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אַז אַ ייד מעג האָבן נאָר איין ווייב. און אַלע יידן האָבן אים געפאָלגט.

רבינו גרשום האָט אויך איינגעשטעלט אַז גטן אַ ווייב מעג מען נאָר אין דעם פאַל, ווען זי שטימט צו צו דעם. האָבן אַלע יידישע פרויען אים געהאַלטן פאַר זייער גרויסן פאַרטיידיקער און באַשיצער. רבינו גרשומס געזעצן זיינען פאַרבליבן געזעצן ביי יידן ביז צום היינטיקן טאָג. נאָך אים איז דאָס יידישע וויסן אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך געשטיגן און געשטיגן. זיינע תלמידים און די תלמידים פון זיינע תלמידים האָבן באַרימט געמאַכט די יידישע קהילות אין די געגנטן אַרום דעם טייך ריין ווי ערטער פון תורה און גרויסער געלערנטקייט.

13

רשי

דער געניאַלער לערער

1105—1040

א. טייערער פון אַ דימענט.

דאָס האָט פאַסירט מיט ניין הונדערט יאָר צוריק.

אין דער שטאָט וואָרמס, ביים טייך ריין, האָט געלעבט זייער אַ געלערנטער און זייער אַן אָרעמער ייד מיטן נאָמען ר׳ יצחק. אָבער ר׳ יצחקן האָט ניט געקימערט וואָס ער איז אַזוי אָרעם. ער האָט נאָר געהאַט צער פון דעם וואָס זיין ווייב האָט אים קיין קינדער ניט געבאָרן. פלעגט ר׳ יצחק אַרויסגיין הינטער דער שטאָט, קיינער זאָל אים ניט שטערן און בעטן גאָט, ער זאָל אים צושיקן קינדער.

איין מאָל ווען ער איז צוריקגעגאַנגען, האָט ער באַמערקט אויף דער ערד אַ שטיינדל וואָס האָט געבלאַנקט און געבליצט. ער האָט עס אויפגעהויבן און געזען אַז עס איז אַ דימענט. האָט ער זיך דערפרייט און אַוועקגעטראָגן דעם דימענט צום יואוועלירער. האָט דער יואוועלירער געזאָגט, אַז ער האָט נאָך קיין מאָל אַזאַ גרויסן דימענט ניט געזען און אַז מע קען קריגן פאַר אים אַ סך, אַ סך געלט.

דער בישאָף פון וואָרמס האָט גראָד געזוכט אַ גרויסן דימענט. ער האָט איין דימענט געהאַט און געדאַרפט אַ צווייטן, כדי אַריינצושטעלן אויגן אין אַ הייליק בילד. ער האָט געוואָלט אָפקויפן דעם דימענט ביי ר׳ יצחקן. אָבער ווי פיל געלט ער האָט ניט אָנגעבאָטן, האָט ר׳ יצחק זיך אָפגעזאָגט צו פאַרקויפן אים דעם

דימענט. אזוי ווי ר׳ יצחק האָט מורא געהאַט, מע זאָל איבער גוואַלד ניט צונעמען פון אים דעם דימענט, איז ער אַוועק צום טייך ריין און האָט אַריינגעוואָרפן דעם דימענט אין וואַסער אַריין.

האָט ער דערהערט אַ שטים פון הימל: „דערפאַר וואָס דו האָסט אַוועקגעוואָרפן דעם דימענט, וועט ביי דיר געבאָרן ווערן אַ זון וואָס וועט שיינען איבערן גאַנצן יידישן פאָלק אַ סך שטאַרקער ווי אַלע דימענטן פון דער וועלט.״

און דאָס זעלביקע יאָר איז ביי ר׳ יצחקן געבאָרן געוואָרן אַ זון וואָס ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן ש ל מ ה. אָבער דאָס קינד איז שוין געבאָרן געוואָרן ניט אין וואָרמס, נאָר אין טרואַ, אין פראַנקרייך.

ב. אַ וואַנט בייגט זיך אויס.

אָבער די מעשה, זאָגט מען, האָט זיך געטראָפן נאָך אין וואָרמס:

ווען ר׳ יצחקס ווייב האָט זיך געקליבן צו האָבן אַ קינד, איז איר אויסגעקומען צו זיין אויף איינער פון די גאַסן פון דער אַלטער שטאָט. די גאַסן זיינען געוועזן זייער שמאָלע, און דאָ שטויסן זיך צונויף צוויי פורן וואָס קומען אָן פון פאַרשיידענע זייטן. די פרוי האָט אין שרעק זיך צוגעשפּאַרט צו אַ וואַנט און... די וואַנט האָט זיך אויסגעבויגן כדי צו מאַכן אָרט פאַר איר, זי זאָל ניט געשעדיקט ווערן.

ר׳ יצחק האָט מורא געהאַט, אַז איצט וועט מען באַשולדיקן זיין ווייב אַז זי איז אַ כישוף-מאַכערין. איז ער מיט איר אַוועק קיין טרואַ. דאָרטן איז שלמה געבאָרן געוואָרן.

אָט מיט וואָסערע שיינע מעשיות עס איז אַרומגערינגלט דאָס געבאָרן ווערן פון רשין.

וואָס באַדייט אָבער דאָס וואָרט רשי?

דאָס זיינען די ערשטע אותיות פון די ווערטער:

ר ב י
ש ל מ ה
י צ ח ק י.

און די שיינע מעשיות האָט דאָס פֿאָלק צוגעקלערט, ווייל מען האָט רשין זייער ליב געהאַט. יעדער ייד האָט געוואוסט ווער רשי איז געווען, אַלע האָבן געלערנט וואָס רשי האָט אָנגעשריבן. ווי נאָר קינדער האָבן זיך אויסגעלערנט לייענען און מען האָט אָנגעהויבן צו לערנען חומש — האָט מען שוין געהאַט צו טאָן מיט רשין, מען האָט שוין געלערנט וואָס „רשי מאַכט". רשי איז הונדערטער, הונדערטער יאָרן געווען דער סאַמע באַוואוסטער, דער סאַמע פּאָפּולערער געלערנטער ביי יידן.

ג. רשים וואַנדערונגען.

ביז 14-15 יאָר פֿון זיין לעבן האָט רשי געלעבט ביי זיינע עלטערן אין דער שטאָט טרואַ. אָבער ער האָט שוין דאָרטן מער ניט געהאַט ביי וועמען זיך צו לערנען. איז ער אַוועק זוכן וויסן אין אַנדערע שטעט.

פֿריער איז ער אויסגעווען אין די שטעט ביי די ברעגן פֿון טייך ריין, נאָך דעם אין אַנדערע שטעט פֿון דייטשלאַנד, נאָך דעם האָט ער זיך געלאָזט איבער דער וועלט, איז געקומען אין ווייטע לענדער, געווען אין עגיפּטן, אַוועק אין מזרח-לענדער.

אומעטום האָט רשי געלערנט תּלמוד, אָבער ער האָט אויך געשטודירט אַנדערע זאַכן: שפּראַכן, מעדיצין, מאַטעמאַטיק. ער איז נאָך געווען אַ יונגער מענטש, ווען ער האָט שוין געהאַט אַריינגענומען אין זיין קאָפּ דאָס גאַנצע דאַמאָלסטיקע יידישע און אויך ניט-יידישע וויסן.

אַ סך יאָרן האָט רשי ארומגעוואַנדערט. פֿאַר וואָס האָט ער עס געטאָן? דערציילט מען אַז רשי האָט מיט דעם געוואָלט אויסקויפֿן אַ זינד.

ווי קומט צום יונגן רשין אַ זינד?

ער האָט געוואוסט אַז צוליב אים האָט זיין פֿאָטער פֿאַרלאָרן אַ טייערן דימענט. האָט ער מורא געהאַט, אַז זיין פֿאָטער קען עס אפשר נאָך אַ מאָל פֿאַרדריסן, און דאָס וועט דאָך זיין צוליב אים! האָט ער הייסט עס ניט ווילנדיק געמאַכט אַז דער פֿאָטער זאָל קענען האָבן האַרצווייטאָג איבער אים, איז עס דאָך אַ גרויסע זינד.

זאָל ער אויסקויפֿן די זינד דורך דעם וואָס ער וועט אַרומוואָגלען, אָפּקומען אין דער פֿרעמד! און זאָל ער ווערן אַזאַ גרויסער גע־לערנטער, אַז זיין פֿאָטער זאָל קיין מאָל ניט דאַרפֿן פֿאַרדריסן איבער דעם פֿאַרלאָרענעם דימענט!

האָט רשי אַרומגעוואַנדערט איבער דער וועלט אין זיינע בעסטע יוגנט־יאָרן. איבער צען יאָר האָט ער געוואַנדערט.

ד. אַ פֿריינד אַ גלח.

אויף זיינע וואַנדערונגען האָט רשי זיך געטראָפֿן מיט אַ גלח, מיט וועמען ער האָט געהאַט אַ סך געשפּרעכן וועגן דעם, וואָסער גלויבן איז ריכטיקער: דער יידישער אָדער דער קריסטלעכער.

ווען אָט דער גלח איז געפֿערלעך קראַנק געוואָרן, האָט רשי אים זייער געטריי באַדינט און אים געהאָלפֿן געזונט ווערן. ווען דער גלח איז געזונט געוואָרן, האָט ער זיך געזעגנט צו רשין:

— „איך וואָלט קיין מאָל ניט געגלייבט, אַז אַ ייד קען זיין אַזוי גוט צו אַ קריסט. מיט וואָס זאָל איך דיר אָפּדינען?"

— „איך דאַרף קיין זאַך ניט. געדענק נאָר וועגן דעם און זע צו העלפֿן אַ יידן, ווען אַ ייד איז אין נויט!"

אויף זיין צוריקוועג איז רשי געקומען אין דער שטאָט פּראָג. די יידן פֿון פּראָג האָבן מיט גרויס שמחה אויפֿגענומען דעם טייערן גאַסט, ווייל רשי האָט שוין געהאַט אַ נאָמען איבער דער וועלט ווי אַ גרויסער געלערנטער. דער פֿירער פֿון די פּראָגער יידן האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין שטוב. אָבער דעם בייזן הערשער פֿון פּראָג האָט פֿאַרדראָסן, פֿאַר וואָס יידן פֿרייען זיך אַזוי. האָט ער געהייסן אַרעסטירן רשין און ברענגען צו זיך. דער הערשער פֿון פּראָג האָט אויך גערופֿן צו זיך דעם בישאָף, כדי יענער זאָל מיט זיין וויסן פֿאַרשעמען דעם יידן.

אָבער ווי פֿאַרוואונדערט איז ער געוואָרן, ווען דער בישאָף און דער פֿרעמדער ייד האָבן זיך באַגעגנט ווי אַלטע גוטע פֿריינד! עס לאָזט זיך אויס, אַז דער בישאָף פֿון פּראָג איז געווען יענער גלח וואָס רשי האָט אים אויסגעהיילט. רשי איז גלייך באַפֿרייט געוואָרן און די פּראָגער יידן האָבן נאָך מער שטאָלצירט מיט אים.

ה. רשים פאַמיליע.

דער פירער פון די פּראָגער יידן האָט געהאַט אַ יונגע און זייער שיינע טאָכטער. זי האָט זיך פאַרליבט אין דעם פרעמדן און זיי האָבן חתונה געהאַט. רשי האָט גענומען זיין יונגע ווייב און זיך באַזעצט מיט איר אין זיין געבוירן־שטאָט טרואַ. דאָרטן האָט ער איצט אַליין געעפנט אַ ישיבה, אַ שול צו שטודירן תלמוד, און רשים נאָמען ווי אַ לערער איז געוואָרן אַלץ מער און מער באַרימט ביי יידן. פון די ווייטסטע לענדער פלעגן אָנקומען פראַגעס וועגן שווערע און אומקלאָרע שטעלן אין תלמוד אָדער וועגן יידישע געזעצן. רשי פלעגט אַלץ קלאָר ענטפערן.

אָבער רשי האָט ניט געלעבט פון נעמען געלט ביי זיינע תלמידים. ער האָט געהאַט אַ ווייַנגאָרטן. ווען די ווייַנטרויבן פלעגן ווערן צייטיק, פלעגט ער צוזאַמען מיט דער גאַנצער פאַ־מיליע אָראָפּנעמען די טרויבן. מען האָט פאַרקויפט די ווייַנטרויבן און אויך דעם וויין וואָס מען האָט געמאַכט פון זיי, און דערפון האָט רשי געלעבט זייער באַשיידן.

קיין זין האָט רשי ניט געהאַט, אָבער זייער געראָטענע און געלערנטע טעכטער. זיינע איידעמס זיינען געווען באַוואוסטע גע־לערנטע און נאָך גרעסער פון זיי זיינען געוואָרן רשים אייניקלעך. אויף דער עלטער האָט רשי זייער אַ סך נחת געהאַט פון זיינע אייניקלעך. דער עלטסטער אייניקל האָט אַפילו אַרויסגעהאָלפן דעם זיידן און פלעגט זיך אָפּפערן מיטן זיידן. די אייניקלעך האָבן פאַרענדיקט דעם טייל אַרבעט וואָס דער זיידע האָט געלאָזן אין מיטן, ווען ער איז געשטאָרבן.

צו רשים פאַמיליע דאַרף מען צורעכענען אויך זיינע תלמידים. ער איז געווען אַזוי ווי אַ פאָטער צו זיינע תלמידים, און זיי צו אים — ווי קינדער. די תלמידים האָבן זייער רבין זייער ליב גע־האַט, נאָך מער — זיי האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף אַ הייליקן. זיי האָבן געשלונגען איטלעכס וואָרט זיינס, פאַרשריבן זיינע רייד, זיינע ענטפערס אויף פאַרשיידענע פראַגעס און ווי אַזוי ער האָט זיך געפירט.

רשים תלמידים האָבן זיך צעשפּרייט איבער גאַנץ דייטשלאַנד און פראַנקרייך און גרויס געמאַכט דעם נאָמען פון זייער רבין.

ב. טומארין׳

ו. טינט וואָס איז טייערער ווי גאָלד.

איבער דרייסיק יאָר איז רשי געזעסן אין טרוא און האָט בּיסלעכווייז צוגעגרייט זיינע גרויסע ווערק. דאָס זיינען געווען דערקלערונגען צום תלמוד און צום חומש.

ביז רשין איז שווער געווען צו לערנען דעם תלמוד. די שפּראַך האָט מען שוין ניט פאַרשטאַנען. די זאַכן וואָס ווערן דאָרטן באַטראַכט זיינען שווערע, אומקלאָרע. האָט מען אָפט געבּלאָנדזשעט, ניט געוואוסט דעם ריכטיקן באַטייט. איז געקומען רשי מיט זיין דערקלערונג און האָט אַלץ קלאָר געמאַכט!

רשי האָט געהאַט אַ וואונדערלעכן קלאָרן שכל. ער האָט פאַרשטאַנען די שווערסטע שטעלן פון תלמוד. און ער האָט אויך געקענט דערקלערן די סאַמע פאַרדרייטע זאַכן. מיט איין וואָרט באַלייכט ער אַ מאָל אַ גאַנצן ענין. רשי דרייט ניט מיטן גראָבּן פינגער, ער פאַרדרייט ניט דעם קאָפּ מיט איבעריקע רייד, מיט זייטיקע זאַכן.

רשים ווערטער זיינען געציילטע. ער זאָגט קיין מאָל ניט אין צוויי זאַצן וואָס מע קען זאָגן אין איין זאַץ. רשי איז קורץ און קלאָר. ער פאַרטייטשט די שווערע ווערטער, ער דערקלערט וועגן וואָס עס רעדט זיך. און אַלץ טוט ער עס אַזוי פּשוט, אַזוי פאַר־שטענדלעך. ער פירט פאַרן האַנט אין דער פינצטער, ער לאָזט ניט בלאָנדזשען.

איין מאָל איז רשי קראַנק געוואָרן. האָט ער געזאָגט זיין עלטסטן אייניקל, אַז ער זאָל פאַרענדיקן די דערקלערונג פון איין טייל, פון איין פּרק, אין תלמוד, וואָס רשי האָט געהאַט אָנגעהויבן פאַרן קראַנק ווערן.

דער אייניקל האָט מיט חשק זיך גענומען צו דער אַרבעט. ווען רשי איז געזונט געוואָרן, האָט דער אייניקל אים געבראַכט אַ גאַנצן באַרג פּאַפּיר וואָס ער האָט פאַרשריבן צו דערקלערן יענעם טייל און מיט שטאָלץ געוויזן:

— „זע, זיידע, וויפל איך האָב אָנגעשריבן!"

רשי האָט גענומען אין האַנט אַריין דעם גאַנצן פּאַק פּאַפּירן און מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן:

— „ווען דו וועסט אַזוי דערקלערן דעם גאַנצן תלמוד, וועט מען די דערקלערונג פון גאַנצן תלמוד דאַרפן פירן אויף אַ וואָגן!"

רשים קונסט איז גראָד באַשטאַנען אין זאָגן אַלץ גאָר קורץ. „וואָס קירצער — אַלץ קלאָרער", אַזוי האָט זיך רשי געטראַכט. און דעריבער האָט זיך ביי יידישע געלערנטע פון די שפּעטערדיקע דורות געשאַפן אַזאַ ווערטל:

„אין רשים צייטן איז טינט געווען טייערער ווי גאָלד."

און זיין טינט איז טאַקע געווען טייערער ווי גאָלד, ווייל דאָס וואָס רשי האָט אָנגעשריבן איז געבליבן אַן אוצר פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק, ווייל רשי האָט מיט זיין שרייבן באַשטימט, ווי אַזוי מע זאָל זיך לערנען ביי יידן.

ביז רשין איז דער תלמוד געווען שווער, אָבער רשי איז געווען גאָר־גאָר אַ גרויסער לערער, וואָס קען אַזוי פיין און אַזוי פּשוט דערקלערן אַז יעדער איינער זאָל פאַרשטיין. איז טאַקע נאָך רשין געוואָרן מעגלעך אַז קליינע יינגלעך זאָלן קענען לערנען תלמוד,

און הונדערטער יאָרן נאָך אים האָט זיך טאַקע אַזוי געפּירט ביי יידן:

פריער פלעגט מען לערנען לייענען (עברי), נאָך דעם האָט מען געלערנט חומש מיט רש״י, דאָס הייסט חומש מיט רשיס דערקלערונגען, און נאָך דעם האָט מען יאָרן לאַנג געשטו־דירט דעם תלמוד מיט רשיס דערקלערונגען. אָן רשין וואָלט ניט געווען מעגלעך צו שטודירן דעם תלמוד, סיידן נאָר פאַר גאָר גע־ציילטע מענטשן. רשי האָט מיט זיין דערקלערונג געמאַכט אַז דער תלמוד זאָל שפּילן אַזאַ גרויסע ראָלע אין די לערניאָרן פון יידישע יינגלעך אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן.

ווען רשי דערקלערט דעם תלמוד זאָרגט ער, מע זאָל פאַרשטיין זיין אינהאַלט. אָבער ווען רשי דערקלערט דעם חומש, באַמיט ער זיך צו מאַכן דעם חומש וואַרעמער, ליבער, צאַרטער, היימישער, נענטער צו די קינדער. ווי אַזוי דערגרייכט ער עס?

אין זיין דערקלערונג צום חומש נעמט רשי אַריין די שענסטע מעשיות פון פאָלק, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין פאַרשיידענע צייטן, און פוצט מיט זיי אַרום די זאַצן פון חומש.

חומש מיט רשי — הייסט חומש מיט אַ סך פון די שענסטע און איידלסטע פאָלקס־מעשהלעך מיט וועלכע מען האָט אַרומגע־וועבט כמעט יעדן זאַץ פון חומש. דעריבער איז חומש מיט רשי געווען אַזוי אינטערעסאַנט פאַר די קינדער אין חדר. דעריבער האָבן חברה אין אַמאָליקן יידישן חדר אַזוי ליב געהאַט רשין און געוואָלט וויסן וואָס „רשי מאַכט״.

ז. דער פערטער רייטער וואָס איז איבעריק.

רשי האָט געלעבט שטיל און באַשיידן. ער איז געווען זייער אַן איידעלער און גוטהאַרציקער מענטש. ער האָט זיך ניט גע־האַלטן גרויס. ער האָט געזען אַלעמען צו העלפן. אָבער די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן זיינען ניט געווען קיין גליקלעכע.

עס איז דאַמאָלסט געווען די צייט פון די קרייצצוגן. די קריסטן האָבן געוואָלט צונעמען פּאַלעסטינע פון די מאַכמעדאַנער און ביז וואָס ווען האָבן זיי געמאַכט אַ סך פּאָגראָמען אויף יידן. רשי האָט

אָנגעשריבן אַ סך לידער וואו ער דריקט אויס זיין טרויער איבער דער שלעכטער לאַגע פון יידן אויף דער וועלט.

עס איז דאָ אַזאַ מעשה וואָס פאַרבינדט רשין מיט איינעם פון די פירערס פון די קרייצפאַרערס, מיט גאָטפריד פון בולאָן.

ווען גאָטפריד האָט געדאַרפט זיך לאָזן אין מלחמה קעגן די מאַכמעדאַנער, איז ער געקומען צו רשין און אים געבעטן, ער זאָל אים פאָרויסזאָגן, צי ער וועט טאַקע איינגעמען ירושלים און וואָס וועט זיין דער סוף פון זיין אונטערנעמונג. רשי האָט אים געענטפערט:

ב. טומאַרין

— „דו וועסט טאַקע איינגעמען ירושלים, אָבער נאָר דריי יאָר וועסטו דאָרטן הערשן. צום סוף וועסטו קומען צוריק נאָר מיט דריי רייטערס.“

— „געדענק, אַז איך קום אַפילו נאָר מיט פיר רייטערס צוריק, וועסטו טייער באַצאָלן פאַר דיין בייזער נבואה!“ — האָט גאָטפריד אים געזאָגט.

עס איז פאָרגעקומען ווי רשי האָט פאָרויסגעזאָגט. ווען גאָטפריד איז צוגעקומען צום טויער פון דער שטאָט טרויאַ, אַ באַזיגטער

און אַ פאַרטריבענער, האָבן אים באַגלייט דריי רייטערס. האָט ער זיך דערמאָנט רשים רייד און זיין ענטפער און ער האָט געטראַכט:

— „רשי איז אַ ליגנער! אָט קום איך צוריק מיט דריי רייטערס, אָבער איך אַליין רייט דאָך אויך אויף אַ פערד, זיינען מיר דאָך פיר! וועל איך טאַקע נקמה נעמען פון דעם יידן!״

ווי נאָר ער טראַכט אַזוי, פאַלט אַראָפּ אַ שטיין פון מויער פון דער שטאָט און דערהרגעט אַ פערד פון אונטער איינעם פון גאָטפרידס מענטשן.

האָט גאָטפריד געזען סאַראַ גרויסער מענטש רשי איז געווען און אַוועק צו זיין שטוב אים צו דערציילן, אַז אַלץ האָט פּאַסירט ווי ער האָט פאָרויסגעזען. אָבער ווען ער איז געקומען צו רשים שטוב, האָט ער זיך דערוואוסט אַז רשי איז שוין טויט.

ח. משה רבינוס קוש.

אַ וואונדערלעכע זאַך:

דאָס יידישע פאָלק האָט ניט פון קיין מלחמה־פירער, ניט פון קיין פאַרער אין ווייטע לענדער, נאָר פון אַ שטילן געלערנטן געמאַכט אַ באַליבטן העלד און זיין גאַנץ לעבן אַרומגעפּוצט מיט שיינע מעשיות.

פאַר וואָס? ווייל יידן זיינען אַ פאָלק פון בוך, ווייל יידן האָבן אַזוי פיל דורות לאַנג געלערנט רשין, האָבן אים ליב באַקומען און זיינען אים געווען דאַנקבאַר פאַר דעם, וואָס ער, רשי, האָט זיסער געמאַכט דעם חומש און פאַרשטענדלעך געמאַכט דעם תלמוד . . .

טאָ לאָמיר ענדיקן מיט נאָך אַ מעשה:

ווען רשי האָט אָנגעשריבן די לעצטע ווערטער פון זיין דערקלערונג צום חומש, האָט זיך פאַר אים באַוויזן משה רבינו. משה רבינו האָט אים אַרומגענומען, האָט אים אַ קוש געגעבן און געזאָגט:

„דו ביסט דער איינציקער וואָס האָט פאַרשטאַנען וואָס איך האָב געמיינט.״

. . . אָט אַזוי גרויס איז רשי געווען אין די אויגן פון פאָלק!

רבי יהודה חסיד

דער קוואַל פון טרייסט

1150 - 1217

א. ווילדע צייטן.

עס האָט זיך יידן געלעבט ניט צו גוט אין רבינו גרשומס צייטן. עס איז אויך ניט געווען צו גוט אין רשים צייטן. צום סוף פון רשים לעבן קומט די צייט פון די קרייצצוגן. פון די קרייצצוגן אָן ווערט די לאַגע פון יידן אין דייטשלאַנד אַלץ ערגער און ערגער.

פון מיטן צוועלפטן יאָרהונדערט, דאָס הייסט מיט אַכט הונ־דערט יאָר צוריק, קומט אָן די גאָר ביטערע צייט פאַר יידן אין דייטשלאַנד. עס נעמט זיך ציען אַ ריי פינצטערע יאָרהונדערטער, עס קומט די צייט פון צרות און בילבולים.

אין יענע ווילדע צייטן זיינען מענטשן געווען ווילד און אַ סך מענטשן זיינען געווען זייער שלעכט. שלעכטע מענטשן טוען אָפּ שלעכטע זאַכן, ווען זיי ווייסן אַז מע וועט זיי ניט באַשטראָפן. און ווער האָט זיי געזאָלט באַשטראָפן? ווער האָט זיך געזאָלט אָננעמען פאַר יידן?

האָבן יידן אַ סך געליטן. זיי זיינען געווען ווייניק אין צאָל און זיי האָבן זיך ניט געקענט אָקעגנשטעלן. איז יידן געווען ביטער! אָט האָט איר אַ פּאָר פּאַסירונגען, „קליינע" פּאַסירונגען פון יענע צייטן — וועט איר וויסן ווי עס האָט זיך געלעבט.

איבערן טייך ריין, ניט ווייט פון דער שטאָט קעלן, פאָרט זיך אַ שיף. די שיף איז פול מיט יידן. הינטער אָט דער יידישער שיף פאָרט אַ שיף פול מיט קריסטן. געפינט מען דאָרטן אַ טויטע פרוי.

טראַכט מען אוים, אַז די יידן פון דער שיף וואָס פאָרט פאָרוים האָבן דערהרגעט די פרוי. באַפאַלט מען זיי. מע הרגעט זיי אַלע־מען אוים. זייערע טויטע קערפּערס שלעפּט מען אַרום איבער פאַרשיידענע שטעט ביים טייך ריין. און וואו מע קומט מיט די קערפּערס פון די דערהרגעטע אומשולדיקע יידן — העצט מען קעגן יידן, רייצט מען אויף דאָס פאָלק קעגן יידן, שלאָגט מען יידן.

אין אַ שטאָט ניט ווייט פון טייך ריין איז געווען אַ יידישער משוגענער. איז ער איין מאָל אין מיטן העלן טאָג באַפאַלן אַ קריסט־לעכע מיידל. האָט מען דערפאַר דערהרגעט דעם משוגענעם, זיין מוטער, זיינע ברידער, זיין שוועסטער. איז דאָס נאָך אַלץ ווייניק געווען. האָט מען דערהרגעט נאָך זעקס זייטיקע יידן.

אַ צוויי־דריי מייל הינטער דער שטאָט שפּייער, אין בייערן, האָט מען געפונען אַ טויטן קערפּער. אַזוי ווי מען האָט ניט גע־וואוסט וועמען צו באַשטראָפן, האָט מען דערפאַר — אויפגעהאַנגען דעם רבס טאָכטער. איז דאָס נאָך ווייניק. האָט מען איר טויטן קערפּער געלאָזט הענגען נאַקעטערהייט, כדי מיט דעם צו פאַר־מיאוסן אַלע יידן. איז דאָס נאָך אַלץ ווייניק געווען. האָט מען שוין פאַר איינס געמאַכט אַ שטיקל פּאָגראָם אויף יידן.

אויב איר וואָלט געלעבט אין אַזעלכע צייטן — ווי וואָלט איר זיך געפילט? אפשר וואָלט איר געוואָרן אַזוי בייז, אַז איר וואָלט געווען גרייט זיך צו וואַרפן שלאָגן אויף קריסטן? אפשר וואָלט איר נאָר געוויינט, ווייל איר וואָלט זיך געפילט שוואַך און אומ־גליקלעך? אפשר וואָלט אייך דאָס לעבן מיאוס געוואָרן אין אַזאַ שלעכטער וועלט?

און ווי איז געווען מיט יידן אין יענע צייטן? יידן האָבן טאַקע אַ סך געקלאָגט און געוויינט, דאָס לעבן איז זיי טאַקע אָפט מיאוס געוואָרן, זיי זיינען אָפט געווען זייער בייז אויף קריסטן. אָבער יידן האָבן אויך אויפגעהיט גוטסקייט און האַרציקייט, יידן האָבן אויך געוואָרעמט אין זיך דעם גלויבן אין מענטשן, יידן האָבן אויך אַרויסגעוויזן זייער אָפט איידלקייט און פיינקייט. יידן האָבן אַפילו אין יענע ווילדע צייטן אַרויסגעוויזן אַ געפיל פון גליק און אַ צופרידנקייט מיט דער וועלט.

ווי האָבן זיי עס געקאָנט? וואו האָבן זיי געפונען טרייסט?

ווער האָט געוועקט דעם גלויבן, געלערנט צו זיין גוט און פיין? וועגן איינעם וואָס האָט געטרייסט און צוגעגעבן האָפענונג און האָט געלערנט צו זיין שטענדיק גוט און איידל — וועט איר באַלד לייענען.

געהייסן האָט ער ר׳ יהודה חסיד, דער פרומער ר׳ יהודה.

ב. דער פײלן־שיסער.

אין דער שטאָט שפּייער האָט געלעבט זייער אַ פרומער ייד, ר׳ שמואל. דער ר׳ שמואל איז געווען אַזוי גוט און אַזוי איידל, אַז מענטשן האָבן אים גערופן „דער הייליקער", „דער נביא" אָדער „חסיד". ער האָט אָפּגעשטאַמט פון אַ באַרימטער פאַמיליע וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ סך גרויסע געלערנטע און ער אַליין איז געווען זייער אַ גרויסער קענער און אַ באַוואוסטער לערער.

ר׳ שמואל האָט געהאַט צוויי זין. דער עלטערער האָט געהייסן אַברהם און דער יינגערער — יהודה. אַברהם האָט זיך געלערנט ביי זיין פאָטער און איז געווען איינער פון די סך תּלמידים וואָס ר׳ שמואל האָט געהאַט. יהודה אָבער האָט ניט געוואָלט זיך לערנען. דער פאָטער האָט ניט געהאַלטן פון שטראָפן זיין זון און מיט גוטן האָט מען ניט געקענט אויספירן, אַז דער צעלאָזענער יהודה זאָל זיך לערנען.

עס איז אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר. יהודה איז שוין געווען 18 יאָר אַלט און ער האָט אַפילו ניט געקאָנט לייענען ווי עס באַדאַרף צו זיין. דערפאַר איז ער געווען זייער געניט אין שטיפערייען. ער איז געווען גאָר אַ גרויסער בריה אין שיסן פיילן. שטענדיק פלעגט ער אַרומלויפן מיט זיין פײלן־בויגן און שיסן פיילן, וואָס פלעגן טרעפן אין ציל.

איין מאָל זיצט אַזוי ר׳ שמואל און לערנט מיט זיינע תּלמידים. באַפּט זיך אַריין צו זיי דער חברה־מאַן דער פײלן־שיסער און נעמט שיסן פיילן אין די תּלמידים. זיי לערנען, קענען זיי ניט זיך אויפ־הייבן און אַרויסטרייבן דעם יונגאַטש, און דאָ טרעפן די פיילן — איינעם אין די האָר, דעם צווייטן אין רוקן. ביז זיי האַלטן ניט אויס און פאַרמסרן יהודהן פאַר זיין פאָטער.

ר׳ שמואל דערזעט זיין יינגערן זון און ווענדט זיך צו אים:

— „ביסט געקומען אהער ; הייסט עס אז דו ווילסט זיך לערנען. נו, גוט. קום אהער, זעץ זיך. ווילסט פרואוון צי דו וועסט קענען ?"

— „איך וויל פרואוון", ענטפערט דער פיילן־שיסער.

— „זעץ זיך לעבן אברהמען".

יהודה האט אנגעהויבן צו לערנען. און זע — ער האט גענומען דעריאגן זיין ברודער און זיינע אנדערע חברים.

איין מאל איז ר' שמואל געזעסן שפעט ביי נאכט און געלערנט נאר מיט זיינע זין. ביי א געוויסער שטעל, דערציילט די לעגענדע, איז דאס צימער פול געווארן מיט ליכט. אברהם האט אראפגעלאזט די אויגן, אבער יהודה האט זיינע אויגן געהאלטן אפן. א ביסל שפעטער איז נאך ליכטיקער געווארן. אברהם האט זיינע אויגן פארדעקט מיט זיין בגד, יהודה האט נאר א ביסל אראפגעלאזט די אויגן.

האט ר' שמואל פארשטאנען אז פון דעם פיילן־שיסער וועט ארויסוואקסן א גרויסער מענטש, א לייכטנדיקע נשמה.

ג. דער וואנדער־רבי.

יהודה האט זיך אויסגעלערנט א סך ביי זיין פאטער. ווען זיין פאטער איז געשטארבן האט ער אליין געלערנט מיט תלמידים. אבער רבי יהודה האט ניט געהאלטן פון לערנען אליין. ער פלעגט אפט זאגן :

„טאן גוטס איז העכער פארן לערנען תורה. און ניט אלע קענען דאך ווערן גרויסע געלערנטע, אבער אלע קענען ווערן גוטע און פיינע מענטשן ! איידעלע געפילן זיינען וויכטיקער ווי סתם וויסן. דארף מען לערנען טאן גוטס, דארף מען זען דער מענטש זאל ווערן איידעלער און פיינער. אט דאס איז דער עיקר !"

אדער ער פלעגט אפט ליב האבן צו זאגן :

„דער מענטש דארף ניט קיין סך. ס'איז גענוג פאר אים : א ריין הארץ, א גוטע נשמה און אמת אויף די ליפן".

אזעלכע רייד זיינען שטארק געפעלן געווארן פשוטע יידן וואס מוזן הארעווען און האבן ניט קיין צייט צו לערנען. האט דאס

פשוטע פאָלק זייער ליב געקראָגן ר׳ יהודהן. האָט מען אים אויך גערופן, ווי זיין פאָטער, מיטן נאָמען חסיד — ר׳ יהודה חסיד.

און מען האָט אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן אים אַ סך מעשיות. זיי דערציילט מען פון דער צייט, ווען ר׳ יהודה האָט שוין געלעבט אין רעגענסבורג.

אליהו הנביא, האָט מען דערציילט, איז איין מאָל געקומען צו ר׳ יהודה חסיד צום סדר און געווען זיין גאַסט די גאַנצע פסח־נאַכט. אַלע מאָל ווען ר׳ יהודה חסיד איז אין אַ שווערער לאַגע, קומט גלייך צו אים אליהו הנביא. אויך מלאכים קומען צו אים.

יהודה חסיד, האָט מען געזאָגט, קען היילן די געפערלעכסטע קראַנקע. ער האָט אַפילו לעבעדיק געמאַכט אַ טויטן אויף אַ קורצער ווײַלע. האָט ער דען ניט דורך דעם געראַטעוועט דעם רייכן ר׳ מרדכי און מיט אים אַלע יידן פון רעגענסבורג? די מעשה איז דאָך געווען אַזוי:

צוויי גנבים האָבן זיך ביי נאַכט אַריינגעכאַפּט צום יידישן גביר פון רעגענסבורג און דאָרטן געפונען אַ סך גאָלד און טייערע שטיינער. ווען זיי האָבן געדאַרפט אַרויסקריכן דורכן פענצטער, האָט איינער פון די גנבים דערהרגעט זיין חבר, כדי די גאַנצע גנבה זאָל אָנקומען צו אים. און דער מערדער איז נאָך דערצו אַוועק און דערציילט, אַז דער ייד מרדכי האָט געטייט אַ קריסט, ווייל יידן דאַרפן דאָך האָבן קריסטלעך בלוט. און באמת, מען האָט ביי ר׳ מרדכין געפונען דעם טויטן! ווער ווייס וואָסער אומגליק וואָלט דערפון אַרויס! אָבער ר׳ יהודה חסיד האָט לעבעדיק געמאַכט דעם טויטן, יענער האָט דערציילט דעם אמת און איז נאָך דעם ווידער אַנידערגעפאַלן טויט.

מען האָט דערציילט און דערציילט וואונדער וועגן ר׳ יהודה חסיד. אַט האָט ער אַ קאַסטן מיט געהיימע פּאַפּירן, מיט אַלע סודות פון דער תורה. אַט זעט ער וואָס עס טוט זיך זייער ווייט פון אים. אַט לייענט ער אין די נשמות פון מענטשן. ער ווייס ווער עס האָט שלעכטע געדאַנקען. ער ווייס ווער עס וויל זיך שמדן און ראַטעוועט די פאַרבלאָנדזשעטע. און פאַר אַלעמען האָט ער אַ טרייסטוואָרט. ווען מע קומט אַריין צו אים, ווערט אַזוי

ליכטיק און גרינג אויף דער נשמה! מע גייט אוועק געטרייסט און באַנייט. איז דען אַ וואונדער, אַז מע דערציילט וועגן אים וואונדער?

ד. די גרעסטע מצווה.

הונדערטער מענטשן פון נאָענט און ווייט פלעגן קומען צו ר' יהודה חסיד נאָך אַ טרייסטוואָרט, פלעגן אויסהערן זיינעם אַ משל, אַ קלוג ווערטל און אַוועקגיין מיט האָפענונג און גלויבן.

איין מאָל קומט צו אים אַ מענטש וואָס האָט געגנבעט און געגזלט, וואָס האָט געטאָן אַ סך שלעכטס. אויך ער האָט געהערט וועגן גרויסן רבין און ער האָט געוואָלט אים זען.

מאַכט ער צו רבי יהודה חסיד:

— „רבי, איך האָב פיינט מצוות. זיי זיינען אַזוי שווער. זיי זיינען ניט פאַר מיר. און זיי זיינען פיל, אָט די מצוות".

— „אויב דו ווילסט ניט קיין מצוות, וואָס זשע ווילסטו פון מיר, מיין זון?"

— „רבי, איך וויל, איר זאָלט מיר אָנווייזן נאָר אויף איין מצווה. אויב עס וואָלט געווען נאָר איין מצווה, וואָלט מען זי געקענט אָפּהיטן. רבי, וואָס איז די גרינגסטע מצווה?

— „די גרינגסטע מצווה? **זאָג ניט קיין ליגן!**" ..

— גוט, רבי, די איין מצווה זאָג איך אייך צו אָפּצוהיטן".

דער מענטש איז אַוועק. ער האָט נאָך די זעלביקע נאַכט גע־וואָלט עמעצן באַפאַלן און באַרויבן. אָבער ער האָט זיך באַטראַכט, אַז ס'וועט אים איבער דעם אויסקומען צו זאָגן שפּעטער אַ ליגן... האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן. האָט ער אויפגעהערט צו זיין אַזאַ בייזער. ער האָט שוין ביסלעכווייז געקראָגן אַן אַנדער נאָמען. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט זיינער אַ שכן געלאָזן ביי אים אַ סך געלט. ווען דער שכן איז געקומען אָפּנעמען דאָס געלט, האָט זיך אים זייער ניט געוואָלט עס אָפּגעבן. ער האָט געהאַלטןביים זאָגן, אַז מען האָט אים באַגנבעט... אָבער דאָס וואָלט דאָך געווען אַ ליגן. האָט ער בעסער יענעם אָפּגעגעבן דאָס געלט.

אַזוי האָט דער מענטש אַלץ מער און מער געמוזט אַוועקגיין פון שלעכטס, ביז ער האָט איינגעזען:

אויב מע זאָל ניט זאָגן קיין ליגן, קען מען קיין שום שלעכטס ניט טאָן.

און ער האָט פאַרשטאַנען ווי שיין און ווי טיף עס איז געווען דער ענטפער פון ר׳ יהודה חסיד.

ה. דער פירשט מיטן באַהאַלטענעם מעסער.

אין זאַלצבורג איז געווען אַ פירשט וואָס האָט פיינט געהאַט יידן. פון זאַלצבורג האָט ער זיי פאַרטריבן. אָבער דאָס איז אים געווען ווייניק. ער האָט צוגערעדט אַנדערע פירשטן זיי זאָלן אויך אַזוי טאָן: יידן זוינגן אוים דעם לעצטן גראָשן ביי די קריסטן, זיי זאָגן אַז אַ קריסט מעג מען אָפּנאַרן, אַז זיי זיינען העכער פאַר די קריסטן.

האָט מען דעם פירשט פון זאַלצבורג דערציילט, אַז אַט לעבט אין רעגענסבורג אַ וואונדערלעכער רבי וואָס לערנט די יידן:

...„ווען אַ גוי קומט און פרעגט, וועמען פון יידן מעג ער טרויען און וועמען ניט, זאָל מען אים אָנווייזן וועמען מע קאָן טרויען און וועמען ניט״.

...„אַ מענטש זאָל זיך לערנען פון אַ הונט ווי צו זיין געטריי״.

...„ווייל מיר זיינען געבליבן בלויז אַ רעשט, ווייל מע יאָגט אונדז און מע טרייבט אונדז, טאָר אַ ייד ניט טאָן קיין עוולה אויך ניט אַ גוי, טאָר אַ ייד ניט זיין פאַלש אויך צו אַ גוי״.

איז דער פירשט פון זאַלצבורג געוואָרן זייער אין כעס: „אַ נייער יידישער שווינדל!״ האָט ער אויסגערופן. ער האָט באַהאַלטן אַ מעסער אין די פאַלדן פון זיין מאַנטל און אַוועק קיין רעגענסבורג צו ר׳ יהודה חסיד.

ווען ער איז אַריין צו אים, הערט ער ווי ער לערנט מיט זיינע תלמידים וועגן רחמנות האָבן אויף אַלע באַשעפענישן פון דער וועלט:

...„אין גיהנום וועט מען באַלאָדן מיט שווערע לאַסטן יענע מענטשן וואָס לייגן אַרויף אַ צו שווערע לאַסט אויף זייער אייזל אָדער זייער פערד״.

...„גאָט וועט זיך אָננעמען דעם צער פון פערד, וואָס ריטערס שלאָגן זיי מיט זייערע שפּאָרן״.

...„זאָלסט ניט פאַרקויפן אַ בהמה צו אַ מענטשן וואָס שלאָגט בהמות״.

...„זאָלסט ניט אָפּשניידן דעם ווײדל פון אַ פערד, פון אַ הונט צי פון אַ קו, ווייל מיט וואָס וועלן זיי אָפּטרייבן פליגן?״

י. ניישלאָס

ווען דער פירשט פון זאַלצבורג האָט געהערט, ווי אַזוי רבי יהודה חסיד לערנט די געפּלאָגטע יידן ליבשאַפט צו בהמות, איז דאָס מעסער אַרויסגעפאַלן פון די פאַלדן פון זיין מאַנטל. ער האָט באַגריסט דעם רבין און געזאָגט:

— „געטלעכער מאַן, מע זאָגט אַז דו קענסט מאַכן וואונדער. ווייז אַ וואונדער דיינעם!״

— „איך מאַך ניט קיין וואונדער. אָבער מיט גאָטס וואונדער איז פול די וועלט״.

— „וואו זיינען זיי, גאַטס וואונדער?"

— „אומעטום! שטעק אַרויס דעם קאָפּ פון פענצטער און דו וועסט זען".

דער פירשט האָט דעם קאָפּ אַרויסגעשטעקט פון פענצטער. ער איז פּלוצעם שטייף געוואָרן און זיך ניט געקאָנט באַוועגן.

— „זאָג צו אַז דו וועסט מער ניט טאָן קיין שלעכטס, אַז דו וועסט יידן ווידער אַריינלאָזן קיין זאַלצבורג", האָט רבי יהודה חסיד פאַרלאַנגט.

— „איך זאָג צו!" האָט דער פירשט אויסגעשריען. יעמאָלט האָט ער געקאָנט ווידער באַוועגן מיט זיינע גלידער.

ער האָט זיין צוזאָג געהאַלטן.

ו. „דאָס בוך פון די פרומע".

דאָס זיינען נאָר עטלעכע פון די מעשיות וועגן רבי יהודה חסיד. מיט זיין נאָמען איז פאַרבונדן איינס פון די סאַמע באַליבטע ביכער ביי יידן אין מיטל-עלטער. דאָס איז „ספר חסידים", אָדער „דאָס בוך פון די פרומע". עס גייען דאָרטן אַריין: רייד און מעשיות פון ר' יהודה חסידס פאָטער; משלים, מעשיות און שפּרוכן פון רבי יהודה חסיד און אַ ביסל פון זיינע תלמידים. די וויכטיקסטע טיילן פון בוך האָט אָנגעשריבן רבי יהודה חסיד.

דאָס איז אַ וואונדערלעך בוך! אין די ערגסטע צייטן האָבן יידן פון דאָרטן געשעפּט שטאַרקייט און טרייסט. דאָס בוך איז פול מיטן טיפסטן גלויבן און מיט די ריינסטע מענטשלעכע געפילן. עס האָט טייערע שפּרוכן און פיינע משלים. אָט האָט איר כאָטש עטלעכע:

....„אויב עס קומט צו דיר אַ קויפער, דו בעטסט אַ פּרייז, אָבער דער קויפער גייט אַוועק און ער קומט שפּעטער און וויל דיר באַצאָלן וויפל דו האָסט געבעטן, זאָלסטו פון אים דאָס געלט ניט נעמען, אויב דיין סחורה איז דערווייל ביליקער געוואָרן, און זאָלסט אים אָפּגעבן דיין סחורה, אויב זי איז דערווייל טייערער געוואָרן".

...„דו טאָרסט דעם אַרבעטער ניט געבן קיין אַרבעט וואָס איז איבער זיינע כוחות, אַפילו אויב דער אַרבעטער שטימט צו דערצו: ער טוט עס צוליב נויט".

...„אַמאָל האָט אַ קיניג גערופן צו זיך אַ חכם און אים פאַר־געלייגט געלט פאַר אַן עצה. האָט דער חכם געענטפערט דעם קיניג ווי ער האָט פאַרשטאַנען. אָבער קיין געלט האָט ער ניט גענומען. ווען דער קיניג האָט זיך געוואונדערט, האָט דער חכם געענטפערט: „ערשטנס, קומט מיר קיין געלט ניט, ווייל דער קיניג וועט סיי ווי ניט טאָן ווי איך האָב אָנגעוויזן; צווייטנס, קען איך דעם קיניגס געלט ניט נעמען, ווייל דאָס געלט איז פון אונטערדריקן דאָס פאָלק".

...„ווען דו זעסט, עס גייט אָרום אַן אָרעמאַן און פאַרקויפט עפּעס און קיינער קויפט ניט ביי אים, קויף דו: אויב דו דאַרפסט ניט די זאַך ,וועסטו דאַרפן די מצווה".

אָבער ניט בלויז ליבטיקע זאַכן האָט דאָס בוך; דאָרטן שפּיגלען זיך אָפּ די ווילדע צייטן, ווען דער גרויסער טרייסטער האָט געלעבט. דאָרטן געפינט מען אויך אַזעלכע מעשיות ווי אָט די:

...„אַמאָל איז געווען אַן אָנפאַל אויף יידן. זיינען יידן אַנטלאָפן. האָבן פּריצים זיי צוגעזאָגט צו באַהאַלטן. אָבער ווען די יידן זיינען געקומען צו זיי, האָבן יענע זיי אויסגעהרגעט".

ז. וואָס איז אייער מיינונג?

פאַר אָט די שרעקלעכע צייטן פון בלוטיקע אָנפאַלן אויף יידן גיט רבי יהודה חסיד אַזעלכע אָנווייזן:

....„ווען אַ ייד זעט אַז גויים מיינען אַז ער איז אַ גוי, זאָל ער זאָגן: „איך בין אַ ייד!" מע טאָר ניט אָרויפהענגען אַ צלם אויף די קליידער אָדער אַרויסשטעלן אַ צלם אין פענצטער זיך צו ראַטעווען פון אַן אָנפאַל אויף יידן"...

„אויב די שונאים האָבן געזאָגט צו אייך: „גיט אונדז אַרויס איינעם פון אייך, וועלן מיר אייך לאָזן לעבן, אַניט וועלן מיר אַלעמען טייטן, זאָלן בעסער אַלע זיך לאָזן טייטן און ניט איבער־געבן אַליין איין יידישן נפש"...

איז רבי יהודה חסיד געווען גערעכט?